# א מעשה'לע

גליון ה'

יו"ט פסח תשפ"ו

וועכענטליכע גליון
געאייגנט פאר קינדער

## מְכַבֵּד זַיין
## דִי מַאמֶע

דִי חֲסִידִים שְׁטֵייעֶן אוּן קוּקְן, דֶער רֶבִּי עֶסְט פוּן דִי זוּפּ; וִוי קֶען זַיין אַזוֹינְס? זִי הָאט דָאךְ אַיינְגֶעטִינְקֶען אִין דִי זוּפּ מַצָּה, דֶער רֶבִּי אִיז דָאךְ אַלְץ זֵייעֶר שְׁטַארְק מַקְפִּיד נִישְׁט צוּ עֶסְן גֶעבְּרָאקְטְס, וִוי קֶען זַיין אַזוֹינְס?!

דֶער הֵיילִיגֶער בֶּעלְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דֶער שַׂר שָׁלוֹם, זִיצְט פֶּסַח נֶעבְּן זַיין מַאמֶע, דֶער צַדִיק הַאלְט זַיין מַאמֶע זֵייעֶר טֵייעֶר, עֶר זֶעצְט אִיר נֶעבְּן זִיךְ, אוּן עֶר עֶסְט מִיט אִיר פוּן אֵיין טֶעלֶער. וָואס אִיז דֶען




זִי טִינְקְט אַיין דִי מַצָּה אִין דִי זוּפ

דָא עֶפֶּעס גְרֶעסֶער ווִי אַ מַאמֶע? וָואס אִיז דֶען מֶער טַייעֶר ווִי אַ מַאמֶע? דִי מַאמֶע הָאט אַיינְגֶעטִינְקֶען דִי מַצָּה אִין דִי זוּפּ אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט נִישְׁט קַיין וָוארְט, עֶר עֶסְט וַוייטֶער דִי זוּפּ מִיט דִי מַאמֶע פוּן אֵיין טֶעלֶער.

דִי תַּלְמִידִים וואוּנְדֶערְן זִיךְ זֵייעֶר, ווִי קֶען זַיין אַזוֹינְס? דֶער רֶבִּי אִיז דָאךְ זֵייעֶר מַקְפִּיד נִישְׁט צוּ עֶסְן קַיין גֶעבְּרָאקְטְס, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען, דִי מַצָּה זָאל נִישְׁט אָנְרִירְן קַיין וַואסֶער.

דֶער רֶבִּי גֶעבְּט זֵיי צוּ פַארְשְׁטֵיין: ”נִישְׁט עֶסְן קַיין גֶעבְּרָאקְטְס אִיז אַ גוּטֶער מִנְהָג, אוּן מִיר דַארְפְן דָאס הִיטְן, אָבֶּער דִי מִצְוָה פוּן מְכַבֵּד זַיין אַ מַאמֶע אִיז נָאךְ מֶער הֵיילִיג, דָאס שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר מְכַבֵּד זַיין אַ מַאמֶע”.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר גֵייעֶן שׁוֹין זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אוּנְזֶער מַאמֶע, מִיר גֵייעֶן פָאלְגְן אוּן רֶעדְן שֵׁיין, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט וֵויי טוּן.

# ספר המידות

## אַהֲבָה - חלק א'

ח. עַל־יְדֵי אֲמִירַת הַלֵּל בְּקוֹל גָּדוֹל, זוֹכִים לְאַהֲבַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

ח. דוּרְכְ'ן זָאגְן הַלֵּל הוֹיךְ אוֹיפְ'ן קוֹל, אִיז מֶען זוֹכֶה לִיבּ צוּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.



קול ברסלב

212.444.9191

845.351.0910

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל: breslevcenter@gmail.com